

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' כי תבא
תשפ"א לפ"ק
גליון קפ"ד

## פראגע

**אויב א מענטש איז פולקאם געזונט ווי ווייט ער ווייסט, אבער ער גייט צו א דאקטער פאר א דורכדרינגליכע אונטערזיכונג און עקסרעיס, איז דאס א חסרון אין זיין בטחון?**

## ענטפער:

**א** מענטש וואס האט בכלל נישט קיין חשש – ער האט נישט מורא אז סיי-וואס איז נישט גוט מיט זיין געזונט – אבער ער גייט פאר אן אונטערזיכונג? עס איז אייגנטליך א קלוגע זאך צו טון. אבער דאס נעמען צופיל עקסרעיס איז נישט אזוי גוט. אויב קענט איר אויף עפעס א וועג אויסמיידן די עקסרעיס איז בעסער. אבער חוץ דעם, זענען אונטערזיכונגען א קלוגע זאך צו טון.

איך זאג נישט אז א מענטש זאל עס כסדר טון, אבער ס'איז נישט קיין חסרון אין בטחון. יעדער איינער וואס נעמט מאסנאמען און טוט זאכן צו העלפן זיך אפהיטן קעגן די מעגליכקייטן פון מחלות טוט א קלוגע זאך. און ווען איר טוט עס זאלט איר אינזין האבן אז איר טוט עס כדי צו דינען השי"ת. איר ווילט בלייבן געזונט און לעבן לאנג, ווייל איר ווילט האבן די געלעגנהייט צו דינען דעם באשעפער צו לאנגע געזונטע יארן. אייער דאקטער-באזוך איז א תפלה צום באשעפער אז ער זאל אפהיטן אייער געזונט, במילא איז עס קלאר א קלוגע זאך. פונקטליך וויפיל מעל זאל עס טון וועל איך איבערלאזן פאר'ן יחיד צו באשליסן. איך קען נישט זאגן.

עקסרעיס אבער טוט מען מיט איבערגעטריבנקייט. איך בין אמאל געגאנגען צו א דענטיסט. ער האט נישט געטון קיין זאך צו מיר! וואס האט ער געטון? א פולע מויל מיט עקסרעיס. עס איז געווען מיין ערשטע טאג דארט. א פולע מויל פון עקסרעיס?! אויף אלע זייטן פון מיין קאפ בין איך באמבאדירט געווארן. ברוך השם אז ס'איז גארנישט געשען צו מיר, אבער ס'איז א גרויסע נסיון צו דארפן אריבערגיין אזוינס – צו לייגן דעם קערפער אונטער אזעלכע זאכן. במילא אויב איר קענט, פארמיידט עקסרעיס. אבער אויב איר ווילט בלויז האבן אן אונטערזיכונג, זע איך גארנישט שלעכטס דערמיט. (E-209#)

## פראגע

**איז מעגליך צו טון אמת'דיג תשובה פאר'ן רעדן לשון הרע און מבזה זיין א צווייטן?**

## ענטפער:

**דאס** איז זייער א ווייטאגליכע נושא. רוב פוסקים זאגן אז אויב מען האט גערעדט קעגן עמיצן איז מען מחויב צו בעטן דעם מענטש מחילה. אבער דער מענטש ווייסט דאך נישט אז איר האט גערעדט קעגן אים, און ס'איז זייער ווייטאגליך עס צו דארפן אים זאגן. וועגן דעם דארף מען זיין זייער פארזיכטיג נישט צו רעדן לשון הרע.

אויב האט איר גערעדט לשון הרע קעגן א צדיק איז עס נאך א גרעסערע עבירה; "שונא צדיק יאשמו" – דער וואס האט פיינט א צדיק וועט געהאלטן ווערן שולדיג, אבער א צדיק וועט גרינגער פארגעבן. רוב זיכער אז ער זאגט יעדע נאכט "הריני מוחל לכל מי שחטא כנגדי... ואל יענש שום אדם בסיבתי." ער איז מוחל דו וואס זינדיגן קעגן אים און ער

בעט אז קיינער זאל נישט באשטראפט ווערן צוליב אים. אבער פארלאז דיך נישט אויף דעם, ווייל נאך בעפאר ער זאגט עס קען דער אויבערשטער נעמען שריט.

אבער אויב איר האט פארשעמט עמיצען וואס איז נישט קיין צדיק, וועט ער אייך נישט מוחל זיין. און צו גיין זאגן פאר א מענטש וואס איר האט געטון צו אים איז זייער א ווייטאגליכע זאך.

איך בין נישט קיין פוסק, איך זאג בלויז וואס איך האב געהערט אסאך יארן צוריק פון א פוסק אז מען זאל נישט גיין זאגן פאר יענעם מענטש, ווייל מיט דעם וועט מען אים וויי טון. ווען ער וועט געוואויר ווערן וואס איר האט גערעדט קעגן אים וועט איר וויי טון זיינע געפילן. אנדערע האלטן אנדערש, און זיי זאגן אז מען דארף יא בעטן מחילה.

איך האב נישט קיין עצה דערצו חוץ מען זאל אבאכט געבן נישט צו רעדן לשון הרע. אבער אויב מען האט שוין גערעדט איז עס א גרויסע פראבלעם.

אויב יענער מענטש איז שוין נפטר געווארן, איז עס אביסל גרינגער. מען דארף נעמען א מנין צו זיין קבר, ארויספארן פופציג מייל פון ניו יארק סיטי, און זאגן פארנט פון א מנין אידן ״חטאתי לד׳ אלקי ישראל״ – איך האב געזינדיגט קעגן דעם אויבערשטן און קעגן דעם מענטש דא. מען דארף זיך מתודה זיין די זינד ברבים.

עס איז געווען א מענטש וואס האט געזינדיגט קעגן עמיצן אין אייראפע און דערנאך איז ער געקומען קיין אמעריקע. האט ער געשריבן א בריוו צו אייראפע און האט איינגעלייגט אינעם ענוועלאפ אסאך געלט, און ער האט געבעטן פון איינעם אין אייראפע צאמצונעמען א מנין און גיין צו די קבר פון יענעם מענטש. ער האט אים באצאלט. ער האט געדארפט באצאלן פאר די אלע מענטשן וואס זענען געקומען צו מנין, און מען האט געזאגט א געוויסע נוסח ביי די קבר. עס איז געווען א קאסטבארע עבירה.

די בעסטע וועג איז אבער נישט צו רעדן קיין לשון הרע אינעם ערשטן פלאץ. (#675)

## פראגע

## וואס טוט אויף א תפלה פאר א נפטר?

## ענטפער:

**עס** שטייט אין מדרש (ילקוט שמעוני, שופטים) ״מכאן שיש כפרה למתים״, ער לערנט עס ארויס פון א פסוק אז ס׳איז דא א כפרה פאר מתים. אפילו אויב איינער לעבט שוין נישט איז מעגליך צוצולייגן א כפרה פאר אים. דעריבער, יעדע גוטע זאך וואס איר טוט אלס א זכות פונעם נפטר וועט אים העלפן אין זיין מצב אין עולם הבא, אפילו נאך לאנגע יארן וואס ער איז אוועק. אפילו לאנג נאכדעם וואס זיין דין איז שוין באשטימט געווארן אין הימל, קען מען נאך צולייגן דערצו זכותים.

וועגן דעם איז עס א געוואלדיגע מנהג אויב מען ווארפט אריין א ניקל אין די צדקה פושקע און מען זאגט אז עס זאל זיין א זכות פאר דעם און דעם מענטש, עליו השלום. עס איז זייער א גרויסע טובה פאר אים, ער וועט דיך ליב האבן. פון גן עדן וואלט ער געוואלט דיר שיקן א שכח. מיר קענען נישט משיג זיין ווי שטארק דאנקבאר ער איז צו אייך, עס איז דא א כפרה פאר מתים. יא!

״כפר לעמך ישראל, אלו החיים, אשר פדית, אלו המתים״, פון דעם זעען מיר אז ס׳איז דא א כפרה פאר מתים. במילא דארפן מיר וויסן אז תפלה און צדקה פאר מתים העלפט.

נאכדעם איז דא נאך א זאך, ספעציעל פאר די קינדער פון מתים: ״ברא מזכה אבא״ (סנהדרין, קד א). אויב איר טוט אן תפילין העלפט איר דערמיט אייער פארשטארבענע עלטערן; אויב איר לערנט תורה העלפט איר אייערע פארשטארבענע עלטערן. יעדע גוטע זאך וואס איר טוט, אפילו איר זענט נישט מכון לעילוי נשמתם העלפט זיי; און אויב איר זענט יא מכון איז נאך בעסער.

אויב א מענטש האט גוטע קינדער איז עס די בעסטע אינוועסמענט פאר אים, ווייל אין עולם הבא גייט ער זיצן און באקומען פעקלעך פון זכותים וואס ווערט געשיקט צו אים יעדן טאג דורך זיינע קינדער. דאס איז א פעקל פון דיין זון, פון דיין טאכטער, פון דיין איניקל, דיין אור-איניקל, אור-אור איניקל, אויב אייביגע אייביגקייטן וועט איר באקומען פעקלעך.

עס איז א געוואלדיגע זכות – ברא מזכה אבא.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו״ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו״ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט״א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973


בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עוֹנֶג שַׁבָּת
אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר אידיש
עוֹנֶג שַׁבָּת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
לה"ק אידיש
$4.00
מַרְגָנִיתִין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
$1
א וואך
מועדים $3
ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב